ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִיש

## פַּרְשַׁת רְאֵה

תשפ"ג

311

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


מִיט תְּפִלָּה הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר ........................ א

וִוי אַזוֹי הֵייל אִיךְ אוֹיס דִי הוֹיט אוֹיף מַיין פָּנִים? ........................ ב

בַּיים בֶּענְטְשְׁן מוּז מֶען אָנְטוּן אַ הוּט אוּן רֶעקְל? ........................ ד

דַארְף אִיךְ טוֹישְׁן דִי מִנְהָגִים פוּן מַיין טַאטֶע אוּן זִיךְ פִירְן וִוי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? ............ ו

אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצֶע טָאג אִין חֵדֶר, וִוי קוּמְט מֶען אָן צוּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה? .......... ח

נָאכְן עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַזוֹיפִיל הַארְבֶּע עֲבֵידוֹת, מֶעג אִיךְ בִּכְלַל חֲתוּנָה הָאבְּן? .......... יב


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


ווָאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הֶעלְפְסְט דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה ........................ א

מִיט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, מִיט אַ שְׁמֵייכְל, בְּרֶענְגְט מֶען שָׁלוֹם ........................ א

שְׁרַייבּ מִיר וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן אִין קְלַאס צוּ דִי קִינְדֶער ........................ ב

מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דָאס גֶעזוּנְט, עֶסְן גֶעזוּנְט ........................ ב

מְשַׁמֵשׁ זַיין אַ צַדִיק בְּרֶענְגְט נָאר גוּטְס פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי דוֹרוֹת הַבָּאִים ............ ג

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען דֶעם 'שֶׁהַכֹּל נִהְיֶה בִּדְבָרוֹ' ........................ ד

נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דִיר אַלֵיין, לָאז אָפּ דַיין וַוייבּ ........................ ד

עֶס טוּט דִיר אַזוֹי וֵויי אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ קִינְד ........................ ה

אֲפִילוּ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צְאֶינָה וּרְאֶינָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל ........................ ו

לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן ........................ ח

דִי בִּיטֶערֶע טַעַם וָואס אַ גָרוּשׁ אוּן אַ גְרוּשָׁה שְׁפִּירְן, עֶרְגֶער פוּן טוֹיט ........................ ט

דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן דִי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט זָאלְן קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען ............ י

אַז מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין קְלִיק מִיטְ'ן מַאן, אִיז עֶס נִישְׁט קַיין סִיבָּה זִיךְ צוּ גֶטְ'ן ...... יב

פַארְשְׁפְּרֵייט דִי נִגוּנֵי אֱמוּנָה פַאר אַלֶעמֶען .................. יג
וֶוער עֶס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, דֶער אִיז מְקַרֵב דִי גְאוּלָה.................. טו
נֶעמֶען דִי קִינְדֶער נָאר צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים אוּן צוּ רוּאִיגֶע פְּלֶעצֶער .................. טו
זַייט פוּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶערְוַואקְסְן, אוּן פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.................. טז
זַיין אַלֵיין אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק, מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן .................. יז
נָאר שְׁפִּילְן מִיט קִינְדֶער וָואס שְׁפִּילְן מִיט אַלֶעמֶען.................. יח
וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דֶער דַיָין וֶועט אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין וָואס צוּ טוּן .................. יח
אִין אַייעֶרֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, דַארְף מֶען עֶסְן גֶעזוּנְט אוּן נֶעמֶען וִויטַאמִינֶען .................. יט

# הקונטרס לט"נ האה"ח

# הענ'א ע"ה בת הר"ר דוב שליט"א

# נפטרה בערש"ק חזון אחה"צ תשפ"ג

# וזכתה לבוא למנוחתה סמוך לכניסת השבת

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מִיט תְּפִלָּה הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵק דוּרְךְ דִי בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט שֶׁערְן דִי הָאר, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אֲפִילוּ נָאר צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַזַא גֶעדַאנְק. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעזֶען אֵיינְמָאל אִין אַ בְּרִיוו וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל כָאטְשׁ מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם, אוּן מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן. דֶער בְּרִיוו הָאט מִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אָפְּצוּשֶׁערְן מַיין הָאר, אוּן אַז אִיךְ זָאל עֶס טוּן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ אוּן מִיט שִׂמְחָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר טַאקֶע גֶעהָאלְפְן, נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וואוֹיל אִיז אַייךְ אוּן וואוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הָאט גֶעטוּן דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ, אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשוֹירְן דִי הָאר; אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִינִים פוּן שְׁטוּבּ.**

מִיטְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת. וַוייל דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה.): ׳תּוּנְבָא לֵיתֵי׳, אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, ׳עַל הַהוּא בַּר נָשׁ׳, אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, ׳דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ׳, וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, ׳דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר׳, אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. ׳וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ׳, אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. ׳וְאִתְּתָא דַאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר׳, אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, ׳לְאִתְתַּקְנָא בֵיהּ׳, זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, ׳גָרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא׳, אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, ׳וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא׳, אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּבּ. ׳וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא׳, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ, ׳מַאן גָרִים דָא׳ וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? ׳הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר׳, דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס; אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִדָּה טוֹבָה מְרוּבָּה, אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען, זִי שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר - וֶועט זִי הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן, וֶוער עֶס בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט תְּפִלָּה, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל קֶענֶען טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים - אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי הֵייל אִיךְ אוֹיס דִי הוֹיט אוֹיף מַיין פָּנִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק; ווִי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ אוֹיסְגֶעזֶען

אָן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? אִיךְ גֵיי יֶעצְט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים נָאכְאַמָאל, אַלֶעס אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר, דִי לֶעצְטֶע צְווֵיי יָאר הָאבּ אִיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט מַיין הוֹיט אוֹיפְן פָּנִים און אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן. אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ הוֹיט דָאקְטֶער, עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶס אִיז פָאנְגוּס און מִיר גֶעגֶעבְּן זַאכְן אַרוֹיפְצוּלֵייגְן פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט, אָבֶער עֶס הָאט נָאר גֶעהָאלְפְן אַבִּיסְל, נָאר ווִי לַאנְג אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶענוּצְט. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט נַאטוּרְלִיכֶע מִיטְלֶען, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט מֶער נִישְׁט צוּ עֶסְן צוּקֶער און אַזוֹי וֶועט עֶס אַוֶועקְגֵיין, אִיךְ הָאבּ עֶס פְּרוּבִּירְט פַאר אִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ צַייט און עֶס הָאט אַבִּיסְל גֶעהָאלְפְן אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען צוּ שְׁוֶוער צוּ טוּן פַאר מֶער צַייט.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם פַאר פֶערְצִיג טֶעג, צוּלִיב דֶעם וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט "בְּחָנוּנִי נָא בְּזֹאת", אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר פֶערְצִיג טֶעג אוֹיף אַ זַאךְ וֶועט מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אָבֶער דָאס הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן. עֶס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן אָבֶער נִישְׁט פַאר דִי הוֹיט פְּרָאבְּלֶעם. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט דִי אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹיל פוּן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת פוּן שַׁבָּת אָבֶער עֶס הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ הֵיילְן ווִי שְׁנֶעלֶער?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶועט אִיר נֶעמֶען דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְגוּלָה פוּן 'תּוֹדָה וְהוֹדָאָה', דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, דַאנְקְט אִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע נִיסִים - וֶועט אִיר זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִיסִים.

וֶוען אַ אִיד דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי הִימְל, און וָואס מֶען בֶּעט - בַּאקוּמְט מֶען; עֶס קוּמֶען יְשׁוּעוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּקְט מֶען אוֹיבּ עֶר דַאנְקְט אוֹיךְ; אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מִיט גֶעזוּנְטֶע הוֹיט.

...

**בַּיים בֶּענְטְשְׁן מוּז מֶען אָנְטוּן אַ הוּט אוּן רֶעקְל?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען דַארְף זִיךְ אָנְטוּן צוּם בֶּענְטְשְׁן אַ הוּט מִיט אַ רֶעקְל, אָדֶער מֶען קֶען בֶּענְטְשְׁן אָן דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן עֶס אִיז אַ חִיּוּב גָּמוּר, אָבֶּער עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֲלָכָה אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל זִיךְ אָנְטוּן צוּם בֶּענְטְשְׁן אַ הוּט אוּן רֶעקְל. דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן קפג, סְעִיף קָטָן יא) בְּשֵׁם דֶעם מָגֵן אַבְרָהָם וָואס בְּרֶענְגְט פוּנֶעם בַּ"ח: "יְרֵא שָׁמַיִם לֹא יְבָרֵךְ בְּמִצְנֶפֶת", אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן בְּלוֹיז מִיטְן קַאפְּל, "רַק יָשִׂים הַכּוֹבַע עַל רֹאשׁוֹ", עֶר זָאל זִיךְ אָנְטוּן אַ הוּט. "וְיֵשׁ שֶׁנּוֹהֲגִין גַּם כֵּן לְהִתְעַטֵּף בְּבֶגֶד הָעֶלְיוֹן", אוֹיךְ אִיז דָא וָואס טוּעֶן זִיךְ אָן אַ הוּט, "דְּכָל זֶה הוּא בִּכְלַל עִיטּוּף הַנֶּאֱמָר בִּגְמָרָא אֵצֶל כּוֹס בְּרָכָה", וָואס דָאס אִיז וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן בַּיי אַ כּוֹס שֶׁל בְּרָכָה - 'עִיטּוּף'. אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה פִירְט אוֹיס: "וְכֵן נָהֲגוּ כְּהַיּוֹם בְּיִשְׂרָאֵל", אוּן אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, "בְּעֵת

בִּרְכַּת הַמָּזוֹן", וָוען מֶען גֵייט בֶּענְטְשְׁן, "שֶׁמְּשִׂימִין הַכּוֹבַע עַל רָאשֵׁיהֶן", אַז מֶען טוּט זִיךְ אָן דִי הוּט, "אֲפִילוּ כְּשֶׁהוּא מְבָרֵךְ בְּיָחִיד בְּלִי כּוֹס", אֲפִילוּ וָוען מֶען בֶּענְטְשְׁט אָן קֵיין זִמּוּן אוּן אָן קֵיין כּוֹס.

אֵיינֶער פְרֶעגְט דִי פְרַאגֶע פוּן מוֹהֲרָא"ש אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק א', מִכְתָּב קלז) אוּן מוֹהֲרָא"ש עֶנְטְפֶערְט דֶעם לָשׁוֹן: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁנִּזְהָר מְאֹד בְּבִרְכַּת הַמָּזוֹן בְּכַוָּנָה", ווארִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בֶּענְטְשְׁט מִיט כַּוָּנָה, "וְהוּא מִתְעַטֵּף בְּבֶגֶד עֶלְיוֹן וְכוֹבַע עַל רֹאשׁוֹ", אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקֶל, "כְּמוֹ שֶׁיּוֹשְׁבִים לִפְנֵי מֶלֶךְ", אַזוֹי ווִי מֶען זִיצְט בַּיי אַ קֶענִיג; אוֹיךְ פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש זִיךְ אָנְטוּן דִי הוּט בַּיי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, אֲפִילוּ וָוען עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אִין שְׁטוּב פְּרִיוַואט.

עֶס אִיז כְּדַאי אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ שְׁטִיקֶל פוּנֶעם תְּשׁוּבָה וָואס מוֹהֲרָא"ש עֶנְטְפֶערְט: "כָּל כַּךְ חֲבָל שֶׁבְּנֵי אָדָם מְזַלְזְלִים בְּבִרְכַּת הַמָּזוֹן", אַ גְרוֹיסֶע שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן טוּעֶן גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה הֵם נִשְׁאָרִים עֲנִיִּים", וָואס דוּרְךְ דֶעם בְּלַייבְּט מֶען אָרֶעם, "כִּי אִם הָיוּ מְבָרְכִים בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּשִׂמְחָה עֲצוּמָה", וָואלְט מֶען וָוען גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט שִׂמְחָה אוּן כַּוָּנָה, - "זֶה הָיָה מֵבִיא לָהֶם עֲשִׁירוּת גְּדוֹלָה מְאֹד", וָואלְט מֶען וָוען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי תְּשׁוּבָה, מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיַּקְהֵל ריח.): "מַאן דִּמְבָרֵךְ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מִגּוֹ שַׂבְעָא", וֶוער עֶס בֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן נָאכְן זַאט וֶוערְן, "בָּעֵי לְכַוְּונָא לִבֵּיהּ", דַארְף אִינְזִין הָאבְּן דָאס בֶּענְטְשְׁן, "וּלְשַׁוָּואָה רְעוּתֵיהּ בְּחֶדְוָה", אוּן בֶּענְטְשְׁן מִיט שִׂמְחָה, "וְלָא יִשְׁתְּכַח עָצִיב", אוּן נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט. שְׁטֵייט וַוייטֶער: "וּכְמָה דְּאִיהוּ מְבָרֵךְ בְּחֶדְוָה וּבְעֵינָא טָבָא", וַוייל ווִי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ בֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן - "הָכִי יָהֲבִין לֵיהּ בְּחֶדְוָה וּבְעֵינָא טָבָא", אַזוֹי גֶעבְּט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ שֶׁפַע אוּן עֲשִׁירוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אִיךְ טוּישְׁן דִי מִנְהָגִים פוּן מַיין טַאטֶע אוּן זִיךְ פִירְן וִוי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דִי צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל אוּן הַיינְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל. בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מַמָשׁ עֶס פְרִישְׁט מִיךְ אוֹיף אוּן עֶס לֵייגְט אַרַיין אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן אִין מַיינֶע בֵּיינֶער. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אֶ שְׁאֵלָה וָואס אִיז מִיר צוּמָאל גוֹרֵם בִּלְבּוּלִים, אִיךְ רֶעד לְגַבֵּי דִי מִנְהָגִים וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אִיךְ וֵוייס אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דֶער עִיקָר צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ פְלַאץ פוּן אֱמוּנָה, בִּטָחוֹן אוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ פְּרָטִיּוּת'דִיגֶע מִנְהָגִים, אִיז מִיר עֶס אַפָּאר מְבַלְבֵּל, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען תִּשְׁעָה בְּאָב אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קֵיין קִינוֹת אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב אִינְדֶערְפְרִי, נָאר מֶען זָאגְט נָאכְאַמָאל מְגִלַּת אֵיכָה. אוֹיךְ דָאס וָואס מֶען זָאגְט נִישְׁט דִי גֶעהֶערִיגֶע לַאנְגֶע תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, נָאר דִי קוּרְצֶע. אוֹיךְ אוּם נְטִל פִירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען לֶערְנְט יָא.

מַיין טַאטֶע פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי אַלֶע פִירְן זִיךְ, אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; זָאל אִיךְ זִיךְ פִירְן וִוי מַיין טַאטֶע אָדֶער וִוי אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן, מַיין טַאטֶע הָאט גֶעלֶערְנְט אַלְס אִינְגֶל אִין סַאטְמֶער אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיפְן זְמַן רַבֵּינוּ תַּם, סַיי לְגַבֵּי זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן בַּיים אוֹיסְפַּאסְטְן נָאךְ אַ תַּעֲנִית; הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ פִירְן, זָאל אִיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ טוּן אַזוֹי וִוי מַיין טַאטֶע אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן גָארְנִישְׁט, גֶעבּ אַ קוּק אוֹיף תַּכְלִית; וָואס

הָאסְטוּ אִין דִי הַאנְט ? הָאסְט צְוֵויי און צְוָואנְצִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס אִיז מֶער פוּן אַלֶעמֶען, אוֹיךְ וֶוערְסְטוּ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אֱמוּנָה און בִּטָּחוֹן ; אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ קוּקְן.

מִיר זָאגְן אוֹיךְ קִינוֹת, מִיר לֵיינֶען מְגִלַּת אֵיכָה סֵיי בַּייטָאג און סֵיי בַּיינַאכְט און מִיר זָאגְן דִי קִינוֹת פוּן בַּיינַאכְט, אוֹיךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאגְן מִיר דִי קִינוֹת פוּן בַּיינַאכְט, און אַז דוּ וִוילְסְט זָאגְן דֶעם גַאנְצְן קִינוֹת - קֶענְסְטוּ דָאס זָאגְן.

אַזוֹי אוֹיךְ קֶענְסְטוּ זָאגְן דֶעם גַאנְצְן תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת, קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט מֶען זָאל דָאס נִישְׁט זָאגְן ; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מֶענְטְשְׁן זָאגְן בִּכְלַל נִישְׁט דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת וַוייל מֶען זֶעט אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַסַאךְ און דֶערִיבֶּער הַאלְט מֶען זִיךְ צוּרִיק פוּן זָאגְן, אוֹיף דֶעם אַרוֹיף זָאגְט מוֹהֲרָא"ש מֶען זָאל זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק און דִי לֶעצְטֶע פָּסוּק, און דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת וָואס דָאס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, דָאס קֶענֶען אַלֶע בַּאוַוייזְן.

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען נִטַּל ; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי און אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס לֶערְנֶען, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ קוּקְסְט אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן שְׁוַוארְץ.

בְּנוֹגֵעַ זְמַן רַבֵּינוּ תַּם ; אַוַדַאי און אַוַדַאי זָאלְסְטוּ הַאלְטְן דִי זְמַן רַבֵּינוּ תַּם, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט חֲסִידֵי סַאטְמֶער, דָאס אִיז דֶער זְמַן וָואס וֶוערְט גֶעפַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע דַארְפְן הַאלְטְן דֶעם זְמַן.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל, בְּרֵישׁ סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה) : "בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָּר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא און שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן פוּנֶעם טָפֵל אַן עִיקָּר און פוּן עִיקָּר אַ טָפֵל ; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט און וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַן עִיקָּר - נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצֶע טָאג אִין חֵדֶר, וְוי קוּמְט מֶען אָן צוּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט אַבִּיסְל אוֹיסְרֶעדְן מַיין הַארְץ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ, נִישְׁט קַיין גֶעפֶערְלִיכֶע זַאכְן, אָבֶּער עֶס שְׁטֶערְט מִיר.

אֵיידֶער בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד אִיז מִיר טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גֵיהִנּוֹם, אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט מִיט גוֹיִם אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדַארְפְט דְרֵייעֶן אִין דִי גַאסְן וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט פִירְן אַסַאךְ מִלְחָמוֹת אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען קֵיינְמָאל מִיט מִנְיָן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, גְמָרָא, זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים, יוֹם תְּהִלִּים, שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט טוּר וּבֵית יוֹסֵף, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ גֶעעֶנְדִיגְט מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת אוֹיף יֶעדֶע תּוֹרָה, סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין מִיט רַשִׁ"י, אוֹיסֶער דִי פִילֶע שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, אַפָּאר וֶוערְטֶער דָא אוּן אַפָּאר וֶוערְטֶער דָארְט, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין פֶעלְד אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן מַיינֶע בֶּענְקֶענִישְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ יֶעדֶע נַאכְט גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בְּכִיּוֹת, מַיין סִידוּר אִיז פַארְפְלֶעקְט מִיט דִי טְרֶערְן וָואס זֶענֶען אִין דֶעם אַיינְגֶעזַאפְּט.

אָבֶּער יֶעצְט דַארְף אִיךְ דָאךְ הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת אִין חֵדֶר, זָאג אִיךְ תִּיקוּן חֲצוֹת אִין בְּלוֹיז פִינְף מִינוּט, פַארְן דַאוֶוענֶען קוּם אִיךְ קוֹים אָן צוּ לֶערְנֶען "בַּיִת נִצְחִי", אַ דַף בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי מִיט אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא, אֵיין דַף זוֹהַר אוּן אֵיין דַף תִּיקוּנִים, אוּן צוּם מֶערְסְטְנְס זֶעקְס פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אִיךְ קֶען קוֹים רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג צוּם שׁוּל אוּן צוּ חֵדֶר, אוּן נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ שׁוֹין אַ גַאנְצְן טָאג אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער. וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים קֶען אִיךְ אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיט מַיין וַוייבּ אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל צַייט צוּ

לֶערְנֶען, אָבֶער גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ הֶערְן אַ שִׁיעוּר פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווייל אִיךְ מוּז דאךְ קֶענֶען אָנְגֵיין, אוּן וֶוען אִיךְ עֶפְּן שׁוֹין יָא אַ סֵפֶר רוּפְט מִיר שׁוֹין דֶער אוּן יֶענֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, אִיךְ קֶען דָאךְ גָארְנִישְׁט עֶרְלֶעדִיגְן אִין חֵדֶר, אוּן דָא אִיז דָא אַ חֲתוּנָה, אוּן דָא דַארְף אִיךְ רוּפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן; טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶער אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען עֶפֶּעס. נָאכְדֶעם דַארְף אִיךְ שׁוֹין לוֹיפְן צוּם טֶעגְלִיכְן גְמָרָא שִׁיעוּר, אוּן אִיךְ דַארְף אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט אוֹיסְצוּהֶערְן דֶעם אוּן יֶענֶעם, אוּן כָּאטְשׁ וָואס מִיר רֶעדְן טַאקֶע פוּן דִיבּוּרֵי תַּכְלִית, דִּבְרֵי חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶער פַּאקְטִישׁ דֶערְזֶע אִיךְ זִיךְ סוֹף טָאג מִיט בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען מִיט רַשִׁ"י מִיט דִי קִינְדֶער, בַּיִת נִצְחִי, אַ טְרָאפֶּעלֶע זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים, עֶטְלִיכֶע סְעִיפִים שֻׁלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים נִיטְאמָאל קַיין גַאנְצֶע יוֹם, אַבִּיסֶעלֶע נַ"ךְ; בְּקִיצוּר קוּים קוּים עֶפֶּעס תּוֹרָה.

לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן נָאר שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַאַרְן דַאוֶוענֶען, דֶעמָאלְט אִיז מִיר טַאקֶע אַ גַּן עֵדֶן, אָבֶער אִיךְ בִּין זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אֲפִילוּ נָאר אֵיין מָאל. אִיךְ וֵוייס וִויפִיל אִיךְ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל פַּארְבְּרֶענְגְט דִי טַייעֶרֶע צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אֲפִילוּ צוּ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְוֵויי יָאר אִין אַ צוּ יֶעדֶע נַאכְט, אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת הַשֵּׁם אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ, שִׁבְתִּי בְּבֵית הַשֵּׁם כָּל יְמֵי חַיַּי, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן זִיךְ דְרֵייעֶן פַאר פַּרְנָסָה אִין דִי שְׁמוּצִיגֶע גַאסְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ קֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען מִיט דִי טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ קוּם כִּמְעַט נִישְׁט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז נָאר אַפָּאר מִינוּט דָא אוּן דָארְט.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז אִיךְ רֶעד זִיךְ אָפּ, אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעדַארְפְט פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע בִּיסְל גוּטְס וָואס אִיךְ כַאפּ אַרַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע, אוּן זִיךְ יָא פְרֵייעֶן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ, אוּן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וָואס מֶען טוּט אִיז גוּט, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס".

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז הֶעכֶער פוּן יֶעדֶע סָארְט עֲבוֹדָה. לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר זִיךְ אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אָבֶער מַאכְן אַנְדֶערֶע לֶערְנֶען - אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער, לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תַּלְמִידִים, בִּפְרַט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן - דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר זִיךְ.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי זַיין אַ מְלַמֵּד; דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ - אִיז זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער. לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פְלַאנְצְן אִין קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם - אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): "'וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד' - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין, אַז פּוּנְקְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן ווִיפִיל זְכוּתִים אַ מְלַמֵּד הָאט, ווייל עֶר פְלַאנְצְט אֵיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיף וֶועם שְׁטֵייט דִי וֶועלְט? דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה וָואס קִינְדֶער לֶערְנֶען, אוּן דָאס אִיז אִין דִי זְכוּת פוּן מְלַמְּדִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע טֶעג; חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, גְמָרָא, זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים אוּן זָאגְן אַ יוֹם תְּהִלִּים, שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט טוּר בֵּית יוֹסֵף, אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיט דִי תְּפִלָּה אוֹיף דִי תּוֹרָה, אוּן אַנְדֶערֶע סִפְרֵי רַבֵּינוּ אוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם וְרַשִׁ"י - דָאס קוּמְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט צוּ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד. אַזוֹי ווִי דִי

גְמָרָא זָאגְט וַוייטֶער (שַׁבָּת, שָׁם) רַב פָּפָּא הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן אַבַּיֵי: "דִּידִי וְדִידָךְ מַאי", וָואס אִיז מִיט אוּנְזֶער תּוֹרָה? דִי וֶועלְט שְׁטֵייט דֶען נָאר אוֹיף קִינְדֶערְ'ס תּוֹרָה?! הָאט אַבַּיֵי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֵינוֹ דּוֹמֶה הֶבֶל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֵטְא לְהֶבֶל שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא", עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פַארְגְלַייךְ תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן עֲבֵירוֹת, וָואס זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר רֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאנְק טוּן אַז דִי טָאג גֵייט דִיר אַרִיבֶּער מִיטְן זַיין אַ מְלַמֵּד און דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל דַיינֶע שִׁיעוּרִים, וַוייל מִיר דַארְפְן הַיינְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת. וַוייל וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אוּנְזֶער דוֹר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְלַאטִיג ווִי עֶס זֶעט אוֹיס; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס דִי בִּילְד זֵייעֶר שֵׁיין, אָבֶּער פוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג; מֶען דַארְף מְלַמְּדִים מִיט הַארְץ און נְשָׁמָה, וָואס זֶענֶען גְרֵייט אוֹיף מְסִירַת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ, אַוֶועק גֶעבְן זֵייעֶר גַאנְצֶע נְשָׁמָה פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט און לִיבְשַׁאפְט פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט, דִי מַעֲשֶׂה וֶועט פַארֶענְטְפֶערְן דַיין בִּרְיוו. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (קִידּוּשִׁין ל.) רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט גֶעזֶען רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֵיין אִין גַאס נִישְׁט אָנְגֶעטוּן גֶעהֶערִיג, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט זֵייעֶר מָאדְנֶע, עֶר הָאט נִישְׁט אָנְגֶעהַאט זַיין הוּט, עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעדֶעקְט זַיין קָאפּ מִיט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע צוּדֶעק, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער וָואס יָאגְט זִיךְ און הָאט נִישְׁט קֵיין צַייט זִיךְ אָנְצוּטוּן גֶעהֶערִיג, און עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן אִין חֵדֶר. הָאט רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז מִיט דִיר? פַארְוָואס גֵייסְטוּ אַזוֹי אִין גַאס, נִישְׁט גֶעהֶערִיג אָנְגֶעטוּן?" הָאט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ יָאג זִיךְ צוּ טְרָאגְן מַיין קִינְד אִין חֵדֶר, און אַז דוּ וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ וָואס אִיז דִי יָאגֶענִישׁ? וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ד, ט): 'וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ', און עֶס שְׁטֵייט אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע פָּסוּק 'יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב', וָואס הָאבְּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער - אַ שַׁיְיכוּת - מִיט דִי פָּסוּק פוּן מַתַּן תּוֹרָה? נָאר דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט זַיין קִינְד אִיז דָאס

אַזוֹי וִוי עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי", פִּירְט אוֹיס רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי: "אִיךְ לֵייג אַוֶועק מַיין הוּט, מַיין בֶּעקִיטְשֶׁע, מַיין שֵׁיינֶע אִידְ'שַׁאפְּט, אַבִּי צוּ לוֹיפְן אִין חֶדֶר מִיט מַיין זוּן"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף אַלֶעס לֵייגְן אִין דֶער זַייט, אֲפִילוּ דִי רוּחְנִיוּת - אַבִּי צוּ זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵד, לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נָאכְן עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַזוֹיפִיל הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, מֶעג אִיךְ בִּכְלַל חֲתוּנָה הָאבְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל אָנְהוֹיבְן דֶערְצֵיילְן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּנְ'ס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אָנְהוֹיב, אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער.

אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְן פוּן מַיינֶע קִינְדֶער יָארְן אִין חֶדֶר, אִיךְ וִויל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֲבֵרִים, יֶעדֶער הָאט זִיךְ אַלְץ נָאר גֶעקְרִיגְט מִיט מִיר, אוּן אֲפִילוּ רוֹב פוּן מַיינֶע מְלַמְדִים פְלֶעגְן חוֹזֵק מַאכְן פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ גָאר אַסַאךְ גֶעלִיטְן אִין חֶדֶר, אַזוֹי וַוייט אַז כִּמְעַט יֶעדְן טָאג פְלֶעג אִיךְ אַהֵיימְלוֹיפְן אִינְמִיטְן טָאג פוּן חֶדֶר. אִיךְ וֶועל נִישְׁט צוּפִיל מַאֲרִיךְ זַיין אִין דֶעם, נִישְׁט צוּ דֶעם וִויל אִיךְ צוּקוּמֶען. אִיךְ הָאבּ מוֹחֵל גֶעוֶוען אַלֶע קִינְדֶער אוּן מְלַמְדִים, אָבֶּער דִי חֶדֶר יָארְן הָאבְן מִיךְ גֶענְצְלִיךְ צוּזַאמְגֶעבְּרָאכְן פוּן אִינֶעוֵוייניג.

וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען דְרֵייט זִיךְ לֵיידִיג? הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן דְרֵייעֶן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וָואס זֵיי הָאבְן מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעחָלוֹמְ'ט, אִין אָנְהוֹיב הָאבְן זֵיי מִיר גֶעוִויזְן סְתָּם מָאוִּיס, אוּן פוּן דָארְט הָאט זִיךְ גֶעקֵייקְלְט צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע סָארְט שְׁמוּצִיגֶע אוּן טָמֵא'נֶע זַאכְן, זֵיי הָאבְן מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט גָאר בִּיטֶערֶע זַאכְן אוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אִין וֵוייניגֶער פוּן אַ חוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט מַיין

אֵייגֶענֶעם סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַאלְן גָאר שְׁטַארְק אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, מַמָּשׁ אָן אוֹיפְהֶער, אוּן דָאס הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר גַאנְצֶע פִיר יָאר, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם.

נָאךְ פִיר יָאר אִיז אֵיינֶער גֶעוָוָאר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, עֶר הָאט מִיר גֶעוָואלְט הֶעלְפְן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר מִיר נָאר עֶרְגֶער גֶעמַאכְט, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן מִיר דֶעם סְמַארְטְפָאוֹן, עֶר הָאט מִיר אָבֶּער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם עֶרְזַאץ, אוּן אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ קוּקְן מָאוִויס אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אַנְשְׁטָאט דֶעם, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן נָאךְ עֶרְגֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִיךְ וֵויין וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ דִי שׁוּרוֹת, אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט גְלוֹיבְּן וִוי וַוייט אוּן וִוי טִיף אִיךְ בִּין נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרֵייעֶן אִין דִי גַאסְן אוּן קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען צוּ לַאנְג בִּיז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ נֵייעֶ סְמַארְטְפָאוֹן. אִיךְ בִּין שׁוֹין נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן קוּקְן אַזוֹיפִיל מָאוִויס הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וַוייט בִּיז אֵיין שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְזֶען אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אָן מַיין טֶעלֶעפָאן, הָאבּ אִיךְ לֵיידֶער אָנְהוֹיבְּן מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין רַחֲמָנָא לִיצְלָן, שַׁבָּת נָאךְ שַׁבָּת.

אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן וַוייטֶער מִדְּחִי אֶל דֶּחִי, טִיפֶער אוּן טִיפֶער אִין דֶער עֶרְד, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צָאלְן גֶעלְט פַאר עֲבֵירוֹת, וָואךְ נָאךְ וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע שֶׁבְּעֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט שׁוּלְדִיג, אַזוֹי וַוייט בִּין אִיךְ פַארְקְרָאכְן. אִיךְ שְׁרַייבּ דִי שׁוּרוֹת אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פַאר מִיר אַלֵיין, אִיךְ וֵויין וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְקֵייקְלְט אַזוֹי טִיף אִין תְּהוֹם.

בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶעם וָואס הָאט מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען, עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר זַיין צוּבִּיסְלִיךְ וָואס אִיךְ טוּ, מִיךְ וַוייזְן וואוּ אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן אוּן מִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אַז עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי כֹּחוֹת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן זִיךְ אָנְהוֹיבְּן אוֹיפְפִירְן וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

יֶעצְט בִּין אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ חָתָן צוּ אַ גוּטֶע פֵיינֶע מֵיידְל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער

צוּ דאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אָבֶּער אִיךְ עֶס זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ טָאג אוּן נַאכְט, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט; וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ רָאוּי אֲפִילוּ חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן נָאךְ דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן? קוּמְט זִיךְ עֶס מִיר בִּכְלָל? קֶען אִיךְ זַיין אַ טַאטֶע פַאר קִינְדֶער? אַ מַאן פַאר אַ וַוייבּ? בִּין אִיךְ בִּכְלָל וֶוערְד דָאס צוּ הָאבְּן? וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ מֶעג בִּכְלָל חֲתוּנָה הָאבְּן נָאכְן עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַזוֹיפִיל הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן?

אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג עֶר זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט בַּארוּאִיגְן מַיינֶע גֶעפִילְן, אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, אִיךְ וֵויין וִוי אַ קִינְד עֶר זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי פִילֶע הַארְבֶּע אוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל עוֹבֵר גֶעוֶוען.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ, אוּן אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ עֶר קֶען מִיר גֶעבְּן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן פוּן דָא אוּן וַוייטֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין וֵוייטָאגְלִיכֶע בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט דֶערְצֶערְנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, הוּנְדֶערְטֶער מָאל - קֶען מֶען אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן.

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאגְט (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, כב) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אֲפִילוּ הִגְדִּיל אָדָם מֵאָה עֲבֵירוֹת זוֹ לְמַעְלָה מִזּוּ וְעָשָׂה תְּשׁוּבָה, הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וַאֲקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעטוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה הָאבּ אִיךְ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, "וַאֲפִלּוּ עוֹמֵד אָדָם וּמְחָרֵף כְּלַפֵּי מַעֲלָה, וְיַחֲזֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לוֹ עַל כּוּלָּם", אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וַוייט אַוֶועקְגֶעפַאלְן אַז עֶר רֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוּן הָאט אִים לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער וָואס טוּט תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וְוִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "מָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְשׁוּבָה עוֹמְדִים, צַדִּיקִים גְּמוּרִים אֵינָם עוֹמְדִים", וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט מֶען אָן אַזוֹי הוֹיךְ, הֶעכֶער וְוִי דִי צַדִּיקִים קוּמֶען אָן. נָאךְ זָאגְן זֵיי (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, פָּרָשָׁה מה): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, "שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", וְוִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן תְּשׁוּבָה - עֶר טְרַאכְט 'אִיךְ וְויל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", קוּמְט עֶר גְלַייךְ אָן צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

יֶעצְט דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס קֶענֶען מוֹחֵל זַיין, טָארְסְט נִישְׁט זִיךְ פַּיינִיגְן מִיט דַיין עָבַר; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ וַוייל דוּ הָאסְט בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה גֶעטוּן - דַארְפְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ לִיבּ הָאבְן. דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דַיין תִּיקוּן, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי גֶעפִיל, אַוֶועקְשְׁטוּפְּן דִי טְרֵיפָה'נֶע גֶעפִילְן פוּן זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען לַיידְן אוּן זִיךְ פוּן הַיינְט אָן יָא לִיבּ הָאבְן.

בִּפְרַט יֶעצְט אַז דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן, דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יז.): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", אַז מְרַקְּדִים אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶּׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", דָאס הֵייסְט אַז אַ חָתָן דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתוּנָה, עֶר דַארְף פַארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו).

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וְויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד וְויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין וִוילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלָל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילּוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ

הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה און נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", און עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקַייט וְכוּ׳, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הֶעלְפְסְט דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווּאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דֶעם זִיבֶּעטְן חֵלֶק פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דֶער סֵפֶר אִיז מְחַיֶ׳ אוּן מְחַזֵק אַזוֹיפִיל אִידְן, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַזוֹיפִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער הָאבְּן דִי זְכִיָ׳ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער דְרוּקְן דִי סְפָרִים וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אוּן תְּשׁוּבָה אוֹיף דִי וֶועלְט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**מִיט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, מִיט אַ שְׁמֵייכְל, בְּרֶענְגְט מֶען שָׁלוֹם**

**בְּעֶזְרַת הַ׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם גַ׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט (מְקוֹר הַשִּׂמְחָה הוֹדָעוֹת נְחוּצוֹת, אוֹת צא) מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִיק; אוֹיבּ מֶען הָאט אַ

לִיכְטִיגֶע פָּנִים, מֶען שְׁמֵייכְלְט - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶס רוּט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ רוּחַ קְדוּשָׁה, אַ רוּחַ טָהֳרָה, אוּן עֶס שַׁיינְט אִין אִים דִי אוֹר הַגָּנוּז פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען הָאט אַ טוּנְקֶעלֶע פָּנִים - אִיז דָאס דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן מֶען אִיז נָאךְ גָאר וַוייט פוּנֶעם צַדִיק.

דֶערְפַאר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דוּ קֶענְסְט זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן וָואס דוּ ווִילְסְט, אָדֶער זַיין בַּיים צַדִיק דוּרְךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁמֵייכְלֶען, זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיט אַ לִיכְטִיגְקֵייט, הָאבְּן אַנְפִּין נְהִירִין, אָדֶער פַארְקֶערְט, זַיין בְּעַצְבוּת, אַנְפִּין חֲשׁוּכִין חַס וְשָׁלוֹם.

מִיט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, מִיט אַ שְׁמֵייכְל - בְּרֶענְגְט מֶען שָׁלוֹם; וַוייל וֶוער עֶס זֶעט דִי שְׁמֵייכְל - שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט שָׁלוֹם, אוּן אַז מֶען זֶעט זוֹיעֶרְקֵייט - בְּרֶענְגְט דָאס מַחֲלֹקֶת....

...

## שְׁרַייבּ מִיר וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן אִין קְלַאס צוּ דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט' בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט זוּמֶער וֶוען אִיךְ בִּין מְנַהֵל ווִיל אִיךְ בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ, (נִישְׁט אִין פַּארְקִינְג לַאט, נָאר בַּיי דִי קִינְדֶער).

אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען גֵייט אַוֶועק אִינְמִיטְן טָאג דַארְף מֶען מִיר דָאס שְׁרַייבְּן.

...

## מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דָאס גֶעזוּנְט, עֶסְן גֶעזוּנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, נַחֲמוּ, י' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ זִיךְ וַוייטֶער אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין גֶעזוּנְט, גֶעבּ זִיךְ

אַכְטוּנְג וָואס דוּ עֶסְט. עֶס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִדְּאוֹרַיְיתָא (דְּבָרִים ד, טו): "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם", מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דָאס גֶעזוּנְט, עֶסְן גֶעזוּנְט.

בִּיסְט יוּנְג, יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן צוּקֶער אוּן פוּן אִיבֶּערְוָואג. הוֹיבּ אָן דֶעם טָאג מִיט פְרוּכְט, אוּן נָאכְמִיטָאג עֶס גְרִינְצֵייג אוּן פְּרָאטֶעין; גֶעעֶנְדִיגְט מִיט קֶעיק, מִיט סֶענְדְוִויטְשׁ וְכוּ' וְכוּ'; הִיט דַיין גֶעזוּנְט, דָאס אִיז יֶעצְט דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר דִיר.

מִיר פָארְן שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן, מֶען הוֹיבְּט אָן אַ נֵייעֶם יָאר, אַ נֵייעֶם בְּלֶעטְל; בַּיים רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף....

...

**מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ צַדִּיק בְּרֶענְגְט נָאר גוּטְס פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי דוֹרוֹת הַבָּאִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, נַחֲמוּ, י' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע לִיבֶּע טַייעֶרֶע ... שֶׁיִּחְיוּ**

זָארְגְט נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא. וַוארְפְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דִי דַאֲגוֹת, עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, בְּרֶענְגְט אַרַיין שִׂמְחָה, תִּקְוָה, אֱמוּנָה; וֶועט אִיר זֶען נִיסִים.

בֵּיידֶע פוּן אַייךְ זָאלְן וַוייטֶער הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט עֶנְקֶער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ צַדִּיק בְּרֶענְגְט נָאר גוּטְס פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי דוֹרוֹת הַבָּאִים.

...

### דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען דֶעם 'שֶׁהַכֹּל נִהְיֶה בִּדְבָרוֹ'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן: שֶׁ'הַכֹּל נִ'הְיֶה בִּ'דְבָרוֹ אִיז שׁ' נ' ב', דִי אוֹתִיוֹת פוּן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען רַבֵּינוּ נַ'חְמָן בֶּ'ן שִׂ'מְחָה; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען 'שֶׁהַכֹּל נִהְיֶה בִּדְבָרוֹ' - אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי בְּלָאזְט אִין אוּנְז אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע, קְלָארֶע, לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה; מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן וֶוען שְׁוֶועריקֵייטְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְזֶער גוּטְס.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ג): "גָאט אִיז גְרוֹיס, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דִיר אַלֵיין, לָאז אָפּ דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, לָאז אָפּ דַיין וַוייבּ, הֶער אוֹיף אִיר צוּ שְׁלֶעפְּן קַיין בְּרֶסְלֶב; נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דִיר, לָאז אִיר אָפּ.

דוּ קֶענְסְט הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים מִיט דַיין וַוייבּ אָן דֶעם וָואס זִי זָאל הָאבְּן מִיט בְּרֶסְלֶב; בֶּעט אִיךְ דִיר, מַאךְ נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייטְן אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יט, ג): "אִוֶּלֶת אָדָם תְּסַלֵּף דַּרְכּוֹ", דוּרְךְ דִי נַארִישְׁקֵייטְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט,

מַאכְט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס עֶס זָאל קוּמֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִים, "וְעַל ה' יִזְעַף לִבּוֹ", נָאכְדֶעם אִיז עֶר נָאךְ בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִיר, שְׁפַּאצִיר אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. טְרַאכְט נָאר פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען דוּ בִּיסְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן 'אַלֶעס אִיז אֱלֹקִית, אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין אוּן סוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם'.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אוּן אוֹיסֶער דֶעם אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף וָואס דוּ דַארְפְסְט זִיךְ שְׁטֶעלְן, וְדַ"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס טוּט דִיר אַזוֹי וויי אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ זֶען אַ בְּרִיוו פוּן דִיר, שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג וָואס אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן דִיר; אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר.

פוּן דִי פְרַאגֶע וָואס דוּ פְרֶעגְסְט זֶע אִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַ וֵוייכֶע הַארְץ פַאר אַנְדֶערֶע, עֶס טוּט דִיר אַזוֹי וויי אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער בַּיי דִיר אִין כִּתָּה; דוּ הָאסְט אַ אִידִישׁ הַארְץ, אַ וֵוייכֶע הַארְץ, אַ 'לֵב בָּשָׂר', אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר הַארְץ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נֶעמְט אַוֶועק פוּן אוּנְז דֶעם "לֵב הָאֶבֶן", דָאס פַארְהַארְטֶעוֶועטֶע הַארְץ צוּ אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן פְלַאנְצְט אִין אוּנְז אֵיין אַ "לֵב בָּשָׂר", אַ וֵוייכֶע הַארְץ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלט): "לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן אַלֶע אִידְן זַיין

בְּרֶסְלֶב׳עֶר, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לו, כו) "וַהֲסִרֹתִי אֶת ׳לֵב הָאֶבֶן׳ מִבְּשַׂרְכֶם", אִיךְ וֶועל אַװעקְנֶעמֶען דִי פַארְשְׁטֵיינֶערְטֶע הֶערְצֶער, "וְנָתַתִּי לָכֶם ׳לֵב בָּשָׂר׳", אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ לֵב בָּשָׂר, יֶעדֶער וֶועט פַארְגִינֶען אַ צְוֵוייטְן; לֵב בָּשָׂר אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת ווי בְּרֶסְלֶב.

דוּ זָאלְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אוּן אַז דוּ זֶעסְט אִין כִּתָּה ווי קִינְדֶער טְשֶׁעפֶּען אוּן נֶעמֶען זִיךְ אוֹיף אֵיינֶעמ׳ס בֵּיינֶער - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מִיט לַאכְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם מִיט טְשֶׁעפֶּען; זָאלְסְט זַיין אַ חָבֵר פַאר יֶענֶעם.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין זֵייעֶר דִיךְ צוּ זֶען נָאכְאַמָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אֲפִילוּ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צְאֶינָה וּרְאֶינָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט - אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר חָשׁוּב, אָפְּגֶערֶעדְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען בַּאקוּמְט שְׂכַר אִין הִימְל.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה, דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אַ וִויכְטִיגֶע צְוֶועק. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט: "רַבּוֹתַי, אִיךְ בִּין עוֹסֵק אִין אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין"; רוּפְט זִיךְ אָן אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק: "וִויפִיל גֶעלְט דַארְף דֶער רָב?" אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע סְכוּם וָואס דֶער צַדִיק הָאט אִים גֶעבֶּעטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר זָאגְט דֶעם אִיד: "בִּזְכוּת דִי מִצְוָה קֶענְסְטוּ בֶּעטְן וָואס דוּ ווִילְסְט, קֶענְסְט בֶּעטְן עֲשִׁירוּת, אֲרִיכוּת יָמִים, וְכַדוֹמֶה"; זָאגְט דֶער אִיד: "אִיךְ וִויל דֶער רָב זָאל

מִיר צוּזָאגְן עוֹלָם הַבָּא", און דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט אִים דָאס צוּגֶעזָאגְט. אִים אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן עֶר ווִיל דִי הַבְטָחָה בִּכְתָב און אַזוֹי הָאט דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה גֶעטוּן, עֶר הָאט אִים גֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתָב אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא.

דֶער אִיד אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן און עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה, עֶר זָאגְט: "עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער; אִיךְ זִיץ אִין גַן עֵדֶן, אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גוּט אִין גַן עֵדֶן", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה: "לֶערְן מִשְׁנָיוֹת", זָאגְט דֶער אִיד: "אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל קַיין מִשְׁנָיוֹת נִישְׁט גֶעלֶערְנְט", אִין גַן עֵדֶן קֶען מֶען נָאר לֶערְנֶען אוֹיבּ מֶען הָאט פַארְדֶעם גֶעלֶערְנְט. זָאגְט דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה דֶעם אִיד: "דֶעמָאלְט לֶערְן חוּמָשׁ", זָאגְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין לֶעבְּן, נִישְׁט קַיין פָּסוּק חוּמָשׁ און נִישְׁט קַיין מִשְׁנָה, גָארְנִישְׁט גָארְנִישְׁט", זָאגְט אִים דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה: "אֶפְשָׁר אַ מַעֲשֶׂה פוּן צְאֶינָה וּרְאֶינָה פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ הָאסְטוּ אַמָאל גֶעלֶערְנְט?" זָאגְט דֶער אִיד: "דָאס יָא", זָאגְט אִים דֶער צַדִיק: "דֶעמָאלְט זִיץ אִין גַן עֵדֶן און לֶערְן דִי מַעֲשִׂיוֹת".

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דֶער אִיד אִיז צוּ מִיר מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אִיז אַ סִימָן אַז אֲפִילוּ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צְאֶינָה וּרְאֶינָה אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר חָשׁוּב".

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, כַאפּ אַרוֹיס אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַ בְּלַאט גְמָרָא; זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. גֵיי שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּ אִים, בֶּעט אִים דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ קֶען רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, דֶער טָאג גֵייט מִיר אַרִיבֶּער מִיט שְׁמוּעֶסְן, און מִיט דִיר אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן, אִיךְ קֶען קוּים אַרוֹיסְזָאגְן אַ וָוארְט פַאר דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל רֶעדְן מִיט דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן בָּזֶה הָעוֹלָם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נא): ״אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד״, דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ו): ״הַיֵּצֶר הָרַע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם״, דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, ״וְיָדוֹ סְגוּרָה״, מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, ״וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ״, עֶר פָּאפְּט אוֹיס אַלֶעמֶען, יֶעדְן דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר ווִיל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ, וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען ווִיל, ״וְאַחַר כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם״, בַּיים עֶנְדֶע עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט.

״כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרַע״, אַזוֹי טוּט דֶער יֵצֶר הָרַע, ״שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד״, עֶר רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ מֶען זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן, בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְן אוּמְזִיסְט.

לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, נָאךְ אַבִּיסְל עֶנְדִיגְן מִיר הַאלְבּ שַׁ״ס. אִיךְ קְלֶער צוּ מַאכְן אוּנְזֶער שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת - פַאר דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן בַּיי דִי קַאמְפֵּיין - שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיֵּרָא. עֶס קוּמְט אוֹיס פְרַייטָאג, דֶער סִיוּם אוֹיף מַסֶּכֶת קִידוּשִׁין, וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט הַאלְבּ שַׁ״ס.

עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק זֶענֶען מִיר אַלֶע גֶעזִיצְן בַּיים סִיוּם הַשַּׁ״ס אוּן מִיר הָאבְן אַלֶע מְקַבֵּל גֶעוֶוען מִיר גֵייעֶן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, אוּן שׁוֹין עֶנְדִיגְן מִיר הַאלְבּ שַׁ״ס.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען - זָאג דִי וֶוערְטֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס

מֶען לֶערְנְט דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי בִּיטֶערֶע טַעַם וָואס אַ גָרוּשׁ אוּן אַ גְרוּשָׁה שְׁפִּירְן, עֶרְגֶער פוּן טוֹיט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס רֶעדְן צוּ אַייךְ קֶעגְן אַייעֶר מַאן וְכוּ׳, וַוייל וֶוער עֶס רֶעדְט צוּ אַ פָּארְפָאלְק זִיךְ צוּ גֶעטְ'ן - דֶער אִיז אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם שָׂטָן, זָאל זַיין וֶוער זָאל נָאר זַיין.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ אִיז נָאר לְטוֹבָה, אוּן וִויסְן זָאלְט אִיר, מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקייטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ - אִיז דָאס נָאכְאַלְץ אַסַאךְ גְרִינְגֶער וִוי זִיךְ גֶעטְ'ן אוּן זַיין עֶלְנְד, אָפְּגֶערֶעדְט דִי צַעַר וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֶענֶען צֶעטֵיילְט; נָאר אֲפִילוּ פַאר אַייךְ אַלֵיין וֶועט זַיין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער.

עֶס בּוּזְשֶׁעוֶוען ווינְטְן פוּן דִי לִינְקֶע גַאס אוּן עֶס שְׁנֵיידְט אַרַיין אִין הֵיימִישֶׁע הֶערְצֶער מִיט גֶעדַאנְקֶען פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, זֵיי זָאגְן: "הֶער אוֹיף לַיידְן", "גֶעט זִיךְ אוּן פָּטוּר פוּן אַלֶע צָרוֹת", אוּן צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער מִשְׁפָּחוֹת צֶעטֵיילְן זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן נָאכְדֶעם אִיז אַזוֹי בִּיטֶער; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי בִּיטֶערֶע טַעַם וָואס אַ גָרוּשׁ אוּן אַ גְרוּשָׁה שְׁפִּירְן, עֶרְגֶער וִוי טוֹיט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; מֶען אִיז פַארְוָואגְלְט אוּן פַארְוָוארְפְן, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם מַאן מַאכְט נִישְׁט גְרִינְגֶער, עֶס מַאכְט נָאר שְׁוֶוערֶער;

אֵין עֵצָה אִיז דָא, אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן אֲזַמְּרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב), זוּכְן גוּטְס אִין זִיךְ אוּן זוּכְן גוּטְס אִין יֶענֶעם; זוּכְט גוּטֶע פִּינְטֶלֶעךְ אִין אַייעֶר מַאן אוּן טְרַאכְטְס פוּן דֶעם, אוּן לוֹיבְט אִים אוּן רִימְט אִים - וֶועט אַייךְ וֶוערְן גְרִינְגֶער.

דַאנְקְט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ - וֶועט אִיר אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט אָנְהוֹיבְּן קוּמֶען אַ טַעַם אִין לֶעבְּן אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶועלְן אַוֶועקְפַאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן דִי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט זָאלְן קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א, עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה; אַ בָּחוּר, אַ לֵץ - וָואס הָאט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם חוֹזֵק גֶעמַאכְט, אִיז אַמָאל בַּיי אַ לְוָיָה צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם מִטָּה וואוּ דֶער נִפְטָר אִיז גֶעלִיגְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי תַּכְרִיכִים אוּן גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַארְן נִפְטָר, אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן זַיין וִויץ, פוּן דָאס גֶעוַואגְטְקֵייט פוּן דֶעם לֵץ.

יֶענֶע נַאכְט פַּאסִירְט עֶפֶּעס שְׁרֶעקְלִיךְ, דֶער בָּחוּר הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן קוֹלֵי קוֹלוֹת. זַיין טַאטֶע וֶועקְט זִיךְ אוֹיף, עֶר קוּמְט צוּ לוֹיפְן, עֶר פְרֶעגְט זַיין זוּן: "וָואס גֵייט פָאר?" דֶער זוּן שְׁרֵייט: "רַאטֶעוֶועט, אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, עֶר וִויל מִיךְ דֶערְוֶוערְגְן", דֶער טַאטֶע טְרַאכְט: 'מַיין זוּן חָלוֹמְ'ט אַ חָלוֹם', עֶר זָאגְט דֶעם זוּן: "גֵיי צוּרִיק שְׁלָאפְן".

עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַפָּאר מִינוּט אוּן דֶער זוּן שְׁרֵייט וַוייטֶער: "רַאטֶעוֶועט, עֶר הַרְגְ'עֶט מִיךְ!" דֶער טַאטֶע זֶעט אַז עֶפֶּעס גֵייט פָּאר, עֶר לוֹיפְט אַרִיבֶּער צוּם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א. דֶער צַדִיק אִיז אוֹיף, עֶר זִיצְט אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א פְרֶעגְט: "וָואס קֶען אִיךְ עֶנְק הֶעלְפְן?" דֶער אִיד וֵויינְט: "עֶפֶּעס מָאדְנֶע הָאט פַּאסִירְט, וָואס טוּ אִיךְ דָא? מַיין זוּן זָאגְט עֶר קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶפֶּעס אַ נְשָׁמָה ווִיל אִים הַרְגְ'עֶנֶען".

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זָאגְט פַארְן טַאטְן: "דַיין זוּן זָאל זִיךְ אַרָאפְלֵייגְן דָא בַּיי מִיר אִין צִימֶער אוּן אִיךְ וֶועל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים". דֶער מַהַרְשָׁ"א לֵייגְט דֶעם בָּחוּר שְׁלָאפְן, אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַפָּאר מִינוּט אוּן דֶער בָּחוּר הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן קוֹלֵי קוֹלוֹת: "רַאטֶעוֶועט, עֶר דֶערְוֶוערְגְט מִיךְ, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָטֶעמֶען", דֶער מַהַרְשָׁ"א הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּ דִי נְשָׁמָה: "וֶוער בִּיסְטוּ? אוּן וָואס ווִילְסְטוּ פוּן דֶעם בָּחוּר?" זָאגְט דֶער נִפְטָר: "אִיךְ בִּין דֶער אִיד וָואס אִיז הַיינְט גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן דֶער בָּחוּר אִיז צוּ מִיר צוּגֶעקוּמֶען אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, עֶר הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט, אִיךְ ווִיל אִים רוּפְן צוּם בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, אִיךְ ווִיל אִים רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה פַארְן מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען". דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זָאגְט: "בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן, דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט אַוֶועק דֶעם בָּחוּר, עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג אוּן עֶר דַארְף נָאךְ לֶעבְּן, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַ דִין תּוֹרָה, קֶענְסְטוּ מַאכְן דִי דִין תּוֹרָה בַּיי מִיר". זָאגְט דֶער נִפְטָר: "פֵיין, אוֹיבּ אַזוֹי זָאל דֶער רַב מִיךְ אוֹיסְהֶערְן; דֶער בָּחוּר אִיז אַ לֵץ, עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ בַּיי מַיין לְוָיָה, אִיךְ בִּין אִים נִישְׁט מוֹחֵל", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א דֶעם בָּחוּר: "דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט, אַזוֹינְס צוּ טוּן, גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר אַ נִפְטָר?!" דֶער בָּחוּר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: "אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ זָאג צוּ אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן מֶענְטְשְׁן", דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א פְרֶעגְט דֶעם נִפְטָר: "אוֹיבּ דֶער בָּחוּר וֶועט זִיךְ פַארְנֶעמֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת פַאר דַיין נְשָׁמָה בִּיסְטוּ אִים מוֹחֵל אוּן דוּ לָאזְט אִים צוּרוּ?" זָאגְט דֶער נִפְטָר: "יָא, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען פַאר מַיין נְשָׁמָה - בִּין אִיךְ אִים מוֹחֵל".

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א פַארְן נִפְטָר: "אִיךְ ווִיל דִיךְ פְרֶעגְן, ווִי קֶען זַיין אַז קוּים אַפָּאר שָׁעָה צוּרִיק בִּיסְטוּ הֶערְשְׁט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן

דו בִּיסְט שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ דַיין רוּ, דוּ קֶענְסְט שׁוֹין קוּמֶען פוּן עוֹלָם הָאֱמֶת אִין חָלוֹם - פַארְלַאנְגֶען אַ דִין תּוֹרָה? אִיךְ קֶען דִיךְ, דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק, דוּ בִּיסְט אַ פָּשׁוּט׳עֶר מֶענְטְשׁ, וִוי קוּמְט דָאס צוּ דִיר אַזַא שְׁנֶעלֶע רוּ? עֶס נֶעמְט דָאךְ לַאנְגֶע יָארְן בִּיז אַ נְשָׁמָה קוּמְט אָן צוּ אִיר רוּ", זָאגְט דֶער נִפְטָר: "אִיךְ בִּין טַאקֶע נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק אָבֶער אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעהַאלְטְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעגֶעבְן גֶעלְט זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען".

דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהַרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל דוּ הֶעלְפְסְט מִיר מִיט דִי כּוֹלֵל, אִיךְ וִויל דִיר גֶעבְן חִיזוּק זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי כּוֹלֵל, מִיר הֶעלְפְן דֶעקְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ צָאלְן דִי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, אוּן דֶערְצֵייל דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִיר, אוּן וַוייז דִי מַעֲשֶׂה פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס הָאט יֶעצְט גֶעגֶעבְן צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי כּוֹלֵל, אַז דִי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע תּוֹמְכֵי הַכּוֹלֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין קְלִיק מִיט׳ן מַאן, אִיז עֶס נִישְׁט קַיין סִיבָּה זִיךְ צוּ גֶט׳ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר וִוילְט זִיךְ גֶעטְ׳ן, עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

לְדַעְתִּי זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט גֶעטְ׳ן, אוּן אַז אִיר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין קְלִיק מִיט אַייעֶר מַאן - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין סִיבָּה זִיךְ צוּ גֶעטְ׳ן; אִיר הָאט אַ מַאן וָואס טְשֶׁעפֶּעט אַייךְ נִישְׁט, עֶר אִיז גוּט צוּ אַייךְ, זָאלְט אִיר אִים נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן.

וָואס וֵוייסְט אִיר וָואס פַאר אַ גְלִיקְן אִיר וֶועט טְרֶעפְן...? וָואס וֵוייסְט אִיר וָואס וֶועט זַיין מִיט אַייך...? אִיךְ קֶען אַייעֶר מַאן, עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, אַן אֵיידֶעלֶער, אַ וואוּילֶער; טוּט נִישְׁט דִי נַארִישְׁקֵייט זִיךְ צוּ גֶעטְ'ן צוּלִיב דִמְיוֹנוֹת וָואס חַבֶרְ'טֶעס זָאגְן, וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט אוּן וִוי אַזוֹי עֶס קְלִיקְט.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעס, אִיךְ וִויל נָאר דָאס גוּטְס בַּיי עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְשְׁפְּרֵייט דִי נִגוּנֵי אֱמוּנָה פַאר אַלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן צוּזַאמֶענֶעמֶען צְדָקָה פַארְן יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין לְטוֹבַת הַמוֹסְדוֹת; וֶוער עֶס הֶעלְפְּט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס מוֹסָד - דֶערְלֵייגְט נִישְׁט, מֶען פַארְדִינְט נָאר; דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט בַּיי וֶועם עֶר נֶעמְט.

זַיי עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, טֵייל אוֹיס דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרַנ"ת, אַזוֹי אוֹיךְ דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן קַארְטְלֶעךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי נִגוּנֵי אֱמוּנָה, יֶעצְט אִיז אַרוֹיס נֵייעֶ נִיגוּנִים: "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ", הֶערְלִיכֶע נִיגוּנִים פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן חִיזוּק פַארְן לֶעבְן; פַארְשְׁפְּרֵייט דָאס פַאר אַלֶעמֶען.

גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי וָואס מוֹהֲרַנ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, וָואס הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְרוּבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ אִיז אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן רֶבִּי מִיכַל זְלָאטְשׁוֹבֶער, אַז דָא אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְרוּבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם

דַאוָונֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיין וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוָונֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעעֶנְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיין רַעַשְׁ'ט זִיךְ נָאכְנִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְרוֹבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "הַיְינוּ דְאַהַנִי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעַשְׁ'ט זִיךְ פוּן אִים".

נֶעכְטְן נַאכְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ קְבִיעוּת מְזוּזָה אִין שְׁטֶעטְל אִינֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִינֶעם יְרוּשָׁלַיִם גַאס, דִי זִיבֶּעטֶע שׁוּל וָואס מִיר הָאבְּן אִין שְׁטֶעטְל. אַלֶע פְרֶעגְן, 'וִוי אַזוֹי בּוֹיט מֶען דִי שְׁטֶעטְל אַזוֹי שֵׁיין אוּן שְׁנֶעל?' 'וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ אַז בַּיי דִי פֶערְטֶע יָאר זָאלְן מֶען שׁוֹין הָאבְּן זִיבְּן שׁוּלְ'ן אוּן מִקְוָאוֹת?' דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דִי סוֹדוֹת פוּן הַצְלָחָה. דֶער עֶרְשְׁטֶער סוֹד אִיז 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', נָאךְ אַ סוֹד 'נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן פוּן גֶעלְט', וַוייל קֵיינֶער קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר הֶעלְפְט, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס, צוּ אִים דַארְף מֶען הָאפְן אוּן פוּן אִים דַארְף מֶען טְרַאכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווער עֶס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, דֶער אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', מַחֲנֶה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף אַייךְ פוּן דִי לֶערֶערִינְס אוּן פוּן דִי סְטֶעף, אוּן אִיךְ הֶער אַז אִיר זֶענְט אַ גְרוֹיסֶע בַּעֲלַת חֶסֶד; אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה טוּט אִיר אַז אִיר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט דִי צְוֵויי קִינְדֶער פוּן מִשְׁפָּחַת ... וָואס דֶער טַאטֶע אִיז אִין שְׁפִּיטָאל. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טוּן חֶסֶד פַאר אַנְדֶערֶע, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען צוּלִיב דִי גוּטֶע אִידְן וָואס טוּעֶן חֶסֶד"; ווער עֶס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד - דֶער אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ', אַבִּי עֶר זָאל אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד".

וָואס אִיר דַארְפְט - בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אוּן אוֹיךְ וָואס עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ - זָאלְט אִיר דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**נֶעמֶען דִי קִינְדֶער נָאר צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים אוּן צוּ רוּאִיגֶע פְּלֶעצֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִי טְרִיפְּס וָואס מֶען מַאכְט - אִיז נִישְׁט לְפִי רוּחִי; אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרוֹיס אוּן נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ פְרֶעגְט מֶען מִיר, דוּ אַלְס מְנַהֵל וִויל אִיךְ זָאלְסְט וִויסְן אַז דִי טְרִיפְּס אִיז נִישְׁט לְפִי רוּחִי.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִין יַבְנְאֵל חֵדֶר, אִין יַבְנְאֵל סְקוּל - זֵיי

זָאלְן נִישְׁט גֵיין הוּצְקֶען מִיט דִי קִינְדֶער, נָאר גֵיין אוֹיף מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים אוּן אוֹיפְן וֶועג זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן בַּיי אַ וַואסֶער, אָדֶער צְוִוישְׁן שֵׁיינֶע גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, עֶסְן אוּן שְׁפִּילְן, אָבֶער נִישְׁט גֵיין אוֹיף סַכָּנָה׳דִיגֶע פְּלֶעצֶער.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע אִיז אוֹיךְ דָא מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים; מֶען קֶען נֶעמֶען דִי קִינְדֶער קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, קַיין מָאנְסִי צוּם צִיוּן פוּן רִיבְנִיצֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָדֶער קַיין קְווינְס צוּם אוֹהֶל, אוּן אוֹיפְן וֶועג קֶען מֶען זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן זֶען דִי נַאטוּר, דִי ווּאוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס פֶּעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס נֶעמֶען קִינְדֶער פָּארְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט לְפִי רוּחִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### זַייט פוּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶערְוַואקְסְן, אוּן פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאף אִיר זֶענְט צוּפְרִידְן אִין קְלַאס, אִיר הָאט הֲנָאָה פוּן דִי לֶערֶערִינְס.

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט זַיין פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן רֶעדְן נִישְׁט וֶוען דִי טִיטְשֶׁער לֶערְנְט. אִיךְ דֶענְק אַייךְ אַלְס אַן אֵיידְל קִינְד, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ אַז אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס זָאלְן אַזוֹי זָאגְן. אִיךְ וֵוייס אִיר זֶענְט אַ טֵייעֶר קִינְד אוּן אִיךְ ווִיל דָאס אוֹיךְ הֶערְן פוּן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

זַייט פוּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶערְוַואקְסְן, מַאכְט זִיךְ אַ גוּטֶע נָאמֶען. וַוייל עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג, אִיר וֶועט דַארְפְן אַ כַּלָה וֶוערְן אוּן אַז אִיר

וֶועט זַיין פוּן דִי אֵיידֶעלֶע - וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ אֵיידֶעלֶער חָתָן, וַוייל אַ שִׁידוּךְ גֵייט לוֹיט דִי מַעֲשִׂים, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ב.): "אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו", אַ שִׁידוּךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג כָּאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אוֹיךְ זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, [דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ].

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**זַיין אַלֵיין אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק, מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְּרֶעגְסְט אוֹיף וָואס דוּ מֶעגְסְט זִיךְ שְׁטֶעלְן בַּיי זִיווּג שֵׁנִי; דִי אַלֶע זַאכְן אוֹיף וָואס דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵייעֶר פֵיין, אָבֶּער קוּק זִיךְ אָן, קוּק וִוי דִי יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער; שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָאר וָואס דוּ בִּיסְט אַלֵיין, עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדֵךְ, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְן? אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט, (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ", עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַלֵיין, נִישְׁט חַתוּנָה גֶעהַאט; וָואס אִיז דֶער זַאךְ פוּן זִיךְ קְלוֹיבְּן? מֶען דַארְף חַתוּנָה הָאבְן, טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיין אַלֵיין אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק. דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט וֶועגְן דַיינֶע קִינְדֶער; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען מְסוּדָר, זֵיי הָאבְן אַלֶע וַוארֶעמֶע שְׁטִיבֶּער וִוי זֵיי הָאדֶעוֶוען זִיךְ; יֶעצְט אִיז דִי צַייט פוּן קוּקְן אוֹיף זִיךְ, דוּ דַארְפְסְט חֲתוּנָה הָאבְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### נָאר שְׁפִּילְן מִיט קִינְדֶער וָואס שְׁפִּילְן מִיט אַלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אַייעֶר טַאטֶע הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ בְּרִיוו פוּן אַייךְ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם דְרִיטְן מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים. אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג, אַז אַ יוּנְג קִינְד זָאל הָאבְּן אַזַא פַארְשְׁטַאנְד, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים; דָאס וַוייזְט אַז אִיר זֶענְט אַ קְלוּג קִינְד, אִיר וֵוייסְט וָואס אִיז חָשׁוּב אוּן וואוּ עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ אִינְוֶועסְטִירְן.

זַייט פְרֶענְדְס מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע שְׁכֵנִים, שְׁפִּילְט מִיט דִי קִינְדֶער וָואס מַאכְן נִישְׁט קַיין קְרִיגֶערֵייעֶן, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשֶׁעמְט בַּיים שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם - אַ מֵיידֶל - זָאלְט אִיר נִישְׁט הָאבְּן קַיין הַאנְט אִין דֶעם, אִיר זָאלְט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי שְׁפִּיל, אִיר זָאלְט נָאר שְׁפִּילְן מִיט קִינְדֶער וָואס שְׁפִּילְן מִיט אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דֶער דַיָין וֶועט אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין וָואס צוּ טוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פַארְבִּינְדְט זִיךְ מִיטְן דַיָין אוּן פְרֶעגְט אִים וָואס צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ

פִּירְן. שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה; אַז אִיר הָאט יֶעצְט גֶעטְרָאפְן דִי שְׁאֵלוֹת אוּן אַז אִיר הָאט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן דִי שְׁאֵלוֹת אוּן אִיר הָאט וַוייטֶער גֶעלֶעבְּט אִין שְׁטוּב וְכוּ׳ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דֶער דַיָין וֶועט אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין וָואס צוּ טוּן.

אוּנֵס רַחֲמָנָא פַּטְרֵיהּ, וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אִין אַייעֶרע אוּמְשְׁטֶענְדְן, דַארְף מֶען עֶסְן גֶעזוּנְט אוּן נֶעמֶען וִויטַאמִינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לְפְּרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

זֶעט צוּ הִיטְן אוֹיף אַייעֶר גֶעזוּנְט. מֶען מוּז עֶסְן, בִּפְרַט אִין דִי חֳדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט לְמַזָל טוֹב דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ עֶסְן גֶעזוּנְט אוּן נֶעמֶען דִי רִיכְטִיגֶע וִויטַאמִין צוּ הָאבְּן כֹּחַ.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, ״הִיטְן אוֹיף דִי גֶעזוּנְט מוּז מֶען מֶער וִוי הִיטְן אוֹיף דִי נְשָׁמָה, וַוייל אַ קְלֵיינֶע לָאךְ אִין גוּף אִיז אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה״; וַוייל אוֹיבּ מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פִיזִישׁ - קֶען מֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לִיגְט אִין בֶּעט אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דָאס נָאר וַוייל אַייעֶר מַאן שְׁרַייבְּט מִיר עֶר בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אַייךְ מְחַזֵק זַיין, עֶר שְׁרַייבְּט אַז אִיר עֶסְט גָארְנִישְׁט, אִיר זֶענְט אִין אַ סַכָּנָה.

זָאגְט שֵׁמוֹת הַצַּדִיקִים. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט פַאר פְרוֹיעֶן וָואס וַוארְטְן, מֶען זָאל זָאגְן אִין דִי חֳדָשִׁים ״שֵׁמוֹת הַצַּדִיקִים״ - נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס

קִינְד. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב׳, סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; זָאלְט אִיר זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְוֶוייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָּוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרָא"שׁ מִיַּבְנְאֵל וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִּידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...